# א מעשה'לע

גליון כ"א

פרשת ראה תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן
## קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, בַּיים צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ.

הֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד פוּן פְּרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער



״הֶעלְף מַיין זוּן זָאל קֶענֶען גֵיין!״

אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט ווִילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

נָאכְמִיטָאג, מַמָש בַּיים זְמַן פוּן רֹאש הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶונֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶונֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווּאנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה ג'), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט"; דֶער טַאטֶע פִירְט אוֹיס: "וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשֶׁנְ'ען, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

## צַדִּיק - חלק א'

יב. לְקָרֵב
לַצַּדִּיקִים
בְּטִרְחָא,
מִסְתַּיְעָא
מִלְּתָא טְפֵי
לַעֲבוֹדַת
הַבּוֹרֵא.

יב. דִי
שְׁוֶועֶרִיקֵייטְן
וָואס אַ מֶענְטְשׁ
הָאט בַּיים
גֵיין צוּם צַדִּיק,
דָאס הֶעלְפְּט אִים
צוּ קֶענֶען בֶּעסֶער
דִינֶען דֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטְן.




קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691